# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................8:11
מוצאי שב"ק....................9:41

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.....................משלי ט"ו-ט"ז
בבלי..............................סוכה ג'
ירושלמי...................סוטה מ"ג
תוספתא....................שביעית ו'
רמב"ם...........מתנות עניים א'


פרשת מטות מסעי, ראש חודש אב, אבות פרק ב', שנת תשפ"א לפ"ק
שנה 10, גליון 40 (507)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**כָּל דָּבָר אֲשֶׁר יָבֹא בָאֵשׁ תַּעֲבִירוּ בָאֵשׁ וְטָהֵר אַךְ בְּמֵי נִדָּה יִתְחַטָּא וְכֹל אֲשֶׁר לֹא יָבֹא בָּאֵשׁ תַּעֲבִירוּ בַּמָּיִם.** דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה לֶערְנְט אוּנְז אַז דִי כֵּלִים פוּן דִי גוֹיִם וָואס מְ'הָאט גֶענוּצְט אִין פֵייעֶר, דַארְף מֶען גְלִיעֶן אוּן כַּשְׁר'ן אַז אַ אִיד זָאל עֶס קֶענֶען נוּצְן, אוּן דִי כֵּלִים וָואס מְ'הָאט נָאר גֶענוּצְט אוֹיף קַאלְט, דַארְף מֶען טוֹבְל'ן אִין וַואסֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ד') אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט נֶעבֶּעךְ עֲבֵירוֹת, וֶוערְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי עֲבֵירָה אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְחֶזְקֵאל ל"ב, כ"ז) **וַתְּהִי עֲוֹנֹתָם חֲקוּקָה עַל עַצְמוֹתָם**, אוּן דָאס צֶעבְּרֶעכְט דִי בֵּיינֶער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט אִינְגַאנְצְן צֶעבְּרָאכְן דוּרְךְ דִי עֲבֵירוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אָבֶּער וִידּוּי דְבָרִים, עֶר דֶערְצֵיילְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, דוּרְךְ דֶעם גֵייעֶן אַרוֹיס דִי שְׁלֶעכְטֶע וֶוערְטֶער פוּן דִי עֲבֵירָה פוּן זַיינֶע בֵּיינֶער.

מִיט דֶעם טַייטְשׁ דֶער רֶבִּי דֶעם פָּסוּק, **כָּל דָּבָר אֲשֶׁר יָבֹא בָאֵשׁ**, וֶוען דִי פֵייעֶר פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע בְּרֶענְט אִין אַ מֶענְטְשׁ, אוּן דָאס מַאכְט אִים טוּן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, **תַּעֲבִירוּ בָאֵשׁ וְטָהֵר**, זָאל דֶער מֶענְטְשׁ אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט אַ פֵייעֶר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט עֶר וֶוערְן אָפְּגֶערֵיינִיגְט פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, עֶר וֶועט וֶוערְן אַן אֱמֶת'דִיגֶער עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז סְ'אִיז דָא צְוֵויי וֶועגְן וִוי אַזוֹי דֶער יֵצֶר הָרַע פְּרוּבִּירְט אַוֶועקְצוּנֶעמֶען אַ אִיד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֵיין מָאל קוּמְט עֶר מִיט אַ פֵייעֶר, עֶר צִינְדְט אָן אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַ פֵייעֶר פוּן שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת, **אָבֶּער אַ צְוֵוייטֶע מָאל קֶען עֶר קוּמֶען מִיט אַ קַאלְטֶע וֶועג**, עֶר קִילְט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אַז זַיינֶע מִצְוֹת זֶענֶען סַיי וִוי גָארְנִישְׁט וֶוערְד, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט אִינְטֶערְסִירְט אִין דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר טוּט, סְ'וֶועט גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן אוֹיבּ עֶר וֶועט נִישְׁט לֵייגְן תְּפִלִּין אֵיין טָאג, אָדֶער אַז עֶר וֶועט פַארְפַּאסְן אֵיין תְּפִלָּה חַס וְשָׁלוֹם, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער פְּרוּבִּירְט עֶר אָפְּצוּקִילְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין עֲבוֹדַת ה'.

דִי סָארְט יֵצֶר הָרַע קֶען זַיין נָאךְ עֶרְגֶער פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע סָארְט, וַוייל וֶוען דֶער יֵצֶר הָרַע בְּרֶענְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ אוּן רֶעדְט אִים צוּ צוּ טוּן עֲבֵירוֹת, וֵוייסְט כָאטְשׁ דֶער מֶענְטְשׁ אַז עֶר פִירְט זִיךְ נִישְׁט רִיכְטִיג, סְ'טוּט אִים וֵויי אַז עֶר פִירְט זִיךְ נִישְׁט עֶרְלִיךְ, אוּן עֶר פְּרוּבִּירְט כָאטְשׁ ווִיפִיל עֶר קֶען, אוּן עֶר הָאט אַ הָאפֶענוּנְג אַז אֵיין טָאג וֶועט עֶר זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין אוּן וֶוערְן עֶרְלִיךְ אוּן וואוֹיל. וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּם קַאלְטְן יֵצֶר הָרַע, וָואס קִילְט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן כַאפְּט עֶר אֲפִילוּ נִישְׁט אַז עֶפֶּעס אִיז נִישְׁט אִין אָרְדֶענוּנְג מִיט אִים, עֶס בְּרֶענְט אִים נִישְׁט זִיךְ צוּרִיק צוּ כַאפְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי עֵצָה פַאר דִי סָארְט יֵצֶר הָרַע אִיז צוּ גֵיין קֶעגְן אִים מִיט דִי זֶעלְבֶּע גֶעוֶוער וָואס עֶר נוּצְט, זִיךְ צוּ שְׁטוּפְּן צוּ טוּן וִוי מֶער מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים אוֹיךְ קַאלְטֶערְהֵייט, אֲפִילוּ אָן קַיין שוּם גֶעפִּיל אוּן הִתְלַהֲבוּת, צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אֲפִילוּ מִיט אַ קַאלְטְקֵייט, צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כָאטְשׁ מְ'שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין שוּם הִתְעוֹרְרוּת, אוּן אַז אַ אִיד וֶועט זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ טוּן וִוי מֶער מִצְוֹת, צוּ זָאגְן וִוי מֶער וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, אֲפִילוּ אָן קַיין שוּם טַעַם אוּן גֶעשְׁמַאק, וֶועט צוּם סוֹף זִיךְ בְּרֶעכְן דִי אַייז, עֶר וֶועט וֶוערְן אָנְגֶעוַוארֶעמְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

<<<<<<

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### חוֹדֶשׁ אָב

מִיר גֵייעֶן יֶעצְט אַרַיין אִין חוֹדֶשׁ אָב, אַ חוֹדֶשׁ אִין וָואס מֶען טְרוֹיעֶרְט אוֹיפְן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן, אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל עֶס שוֹין צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן.

דֶער טְרוֹיעֶר אִיז נִישְׁט נָאר אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן מִיט צְוֵויי טוֹיזְנְט יָאר צוּרִיק, נָאר מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיךְ אוֹיף אוּנְזֶער אֵייגֶענֶעם חוּרְבַּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. דֶער מֹחַ פוּן אַ אִיד דַארְף זַיין אַ בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, עֶס דַארְף שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע חוּרְבָּן, אוּן אוֹיף דֶעם טְרוֹיעֶרְן מִיר אוּן מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן אוֹיפְבּוֹיעֶן אוּנְזֶער אֵייגֶענֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, צוּ טְרַאכְטְן שְׁטֶענְדִיג פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז אוּנְזֶער אַרְבֶּעט יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ אָב, אַז מִיר זָאלְן זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וִוי אַזוֹי קוּמְט מֶען צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? דָאס אִיז דוּרְךְ דִי תּוֹרָה, וֶוען אַ אִיד מַאכְט זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, וֶועט עֶר אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטְס אוּן זַיין שְׁטֶענְדִיג דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער שֵׁם הוי"ה - קֶען מֶען אוֹיסְשְׁטֶעלְן אוֹיף צְוֶועלְף וֶועגְן, אוּן דָאס זֶענֶען קֶעגְן דִי צְוֶועלְף חֳדָשִׁים, יֶעדֶע חוֹדֶשׁ שַׁיינְט אַן אַנְדֶערֶע צֵירוּף פוּנֶעם שֵׁם. אִין חוֹדֶשׁ אָב שַׁיינְט דֶער צֵירוּף אוֹיף דִי וֶועג – "הוי"ה", וָואס דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק (דְּבָרִים כז ט) הַ'סְכֵּת וּ'שְׁמַע יִ'שְׂרָאֵל הַ'יּוֹם הַזֶּה נִהְיֵיתָ לְעָם לַה' אֱלֹקֶיךָ – אִידִישֶׁע קִינְדֶער הֶערְטְס צוּ, דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג זֶענְט אִיר גֶעוָוארְן אַ פָאלְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פַארְוָואס פוּנְקְט דֶער שֵׁם פוּן דֶעם פָּסוּק, שַׁיינְט אִין דֶעם חוֹדֶשׁ אָב? אוּן מֶען זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, עֶס אִיז אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אִידְן אַז וֶוען מֶען ווִיל זָאגְן דֶעם שֵׁם – דֶער נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער מֶען טָאר דָאךְ נִישְׁט

<<<<<<

## א גוט ווארט

בְּנוֹגֵעַ עַיִן הָרָע וְכוּ'; יֶעדֶעס מָאל אִיר גֵייט צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן אוּן מֶען רִימְט אוֹיס אֵייעֶר קִינְד, מֶען פַארְוואוּנְדֶערְט זִיךְ אוֹיף דִי שֵׁיינְקֵייט וְכוּ', זָאלְט אִיר גְלַייךְ גֶעבְּן דִי קְרֶעדִיט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, גְלַייךְ זָאגְן הוֹיךְ, יֶענֶער זָאל הֶערְן: "יְיַשֵּׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער", - דֶעמָאלְט וֶועט נִישְׁט שָׁאטְן קַיין עַיִן הָרָע; אַז מֶען נֶעמְט דִי גְדוּלָה פַאר זִיךְ - דֶעמָאלְט שָׁאדְט דִי עַיִן הָרָע. (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פִּנְחָס תשפ"א)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# דֶער חָלוֹם אִיז אֱמֶת, אוֹיבְּן אִין הִימְל אִיז נִישְׁטָא קַיין קַשְׁיוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ב' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

אֵייעֶר מַאן הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט דִי חָלוֹם וָואס אִיר הָאט זִיךְ גֶע'חָלוֹמְ'ט פוּן אֵייעֶר בְּרוּדֶער עָלָיו הַשָּׁלוֹם, וָואס אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן לַ"ג בָּעוֹמֶר אִין מִירוֹן; עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ צֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן ה' יְרַחֵם.

אִיר הָאט אִים גֶעזֶען אִין חָלוֹם אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, עֶר הָאט אַייךְ גֶעזָאגְט: **"עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר גוּט דָא אִין הִימְל, דָא אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת".**

אִיר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אִין חָלוֹם: "פַארְוָואס קוּמְסְט נִישְׁט אִין חָלוֹם צוּ אַנְדֶערֶע פוּן דִי מִשְׁפָּחָה?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ קֶען נִישְׁט קוּמֶען וֶוען מֶען אִיז טְרוֹיעֶרִיג, אִיךְ קֶען נִישְׁט לַיידְן דִי עַצְבוּת, אִיךְ קוּם נָאר וואוּ עֶס אִיז פְרֵיילִיךְ".

**דֶער חָלוֹם אִיז אֱמֶת**, אוֹיבְּן אִין הִימְל אִיז נִישְׁטָא קַיין קַשְׁיוֹת, אוֹיבְּן אִין הִימְל קֶען מֶען נִישְׁט לַיידְן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען טְרוֹיעֶרִיג. בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֵייט (דִּבְרֵי הַיָּמִים א' טז, כז): "עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקֹמוֹ", בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז נָאר דָא שִׂמְחָה.

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אֱמוּנָה, זַייט פְרֵיילִיךְ. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת ל:): "אֵין שְׁכִינָה שׁוֹרָה", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּט נִישְׁט, "לֹא מִתּוֹךְ עַצְבוּת וְלֹא מִתּוֹךְ עַצְלוּת", בַּיי זוֹיעֶרֶע מֶענְטְשְׁן אוּן בַּיי פוֹילֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ', "אֶלָּא מִתּוֹךְ דָבָר שִׂמְחָה שֶׁל מִצְוָה"; אוּן דִי גְמָרָא זָאגְט דָארְט: "וְכֵן לַחֲלוֹם טוֹב", זָאגְט רַשִׁ"י (דִּבּוּר הַמַּתְחִיל לַחֲלוֹם טוֹב): "אִם בָּא לִישַׁן מִתּוֹךְ שִׂמְחָה", אַז מֶען גֵייט שְׁלָאפְן פְרֵיילִיךְ, "מַרְאִין לוֹ חָלוֹם טוֹב", וַוייזְט מֶען פוּן הִימְל גוּטֶע חֲלוֹמוֹת.

**אֵייעֶר בְּרוּדֶער אִיז אוֹיבְּן אִין גַן עֵדֶן, אִים אִיז יֶעצְט זֵייעֶר גוּט.** עֶר אִיז אַוֶועק אִין אַזַא הֵיילִיגֶע טָאג, אִין אַזַא הֵיילִיגֶע פְלַאץ, צְוִוישְׁן אַזוֹיפִיל הֵיילִיגֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן עֶר קוּמְט צוּ דִי נָאנְטֶע וָואס זֶענֶען פְרֵיילִיךְ אוּן הָאבְּן נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה.

זַייט מְפַרְסֵם דֶעם חָלוֹם פַאר דִי מִשְׁפָּחָה אוּן בַּאקַאנְטֶע, עֶס זָאל פַארְמֶערְט וֶוערְן אֱמוּנָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בָּלָק תשפ"א)

>>>>>>

אוֹיךְ נוּצְט פַאר דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה, זִיךְ צוּ טוֹבְלְ'ן יֶעדְן טָאג אִין וַואסֶער, וַוייל דֶער עִיקָר קַאלְטְקֵייט וָואס פַאלְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט גֶעוֶוענְלִיךְ פוּן דִי פִילֶע קְלִיפּוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע רוּחוֹת וָואס קְלֶעבְּן זִיךְ אָן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ פוּן דִי עֲבֵירוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע קְלִיפּוֹת לָאזְן אִים נִישְׁט שְׁפִּירְן דִי גֶעשְׁמַאק אוּן זִיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ אָבֶער צוּ צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה, וַואשְׁט דָאס אָפּ פוּן אִים דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אוּן דַאן קֶען עֶר וֶוערְן צוּרִיק אָנְגֶעוַוארֶעמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **כָּל דָּבָר אֲשֶׁר יָבֹא בָאֵשׁ תַּעֲבִירוּ בָאֵשׁ וְטָהֵר**, וֶוען עֶס בְּרֶענְט דִי פֵייעֶר פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע אִינֶעם מֶענְטְשׁ, דַארְף דֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ אָנְוַוארֶעמֶען דָאס הַארְץ צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין פַאר אִים. וָואס טוּט מֶען אָבֶער וֶוען מְ'אִיז אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעקִילְט, **וְכֹל אֲשֶׁר לֹא יָבֹא בָּאֵשׁ**, דַאן אִיז דִי עֵצָה, **תַּעֲבִירוּ בַמָּיִם**, מְ'זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ צוּ טוֹבְלְ'ן אִין מִקְוֶה, אוּן אוֹיךְ אַרַיינְצוּכַאפְּן וִוי מֶער מִצְוֹת אֲפִילוּ קַאלְטֶערְהֵייט אָן קַיין גֶעפִיל, אוּן דָאס וֶועט אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן אִין וָואס עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן, עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּרִיק נָאנְט צוּ וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(תּוֹךְ הַנַּחַל מַטּוֹת מַסְעֵי תשס"ו)

>>>>>>

אַרוֹיס זָאגְן דֶעם שֵׁם, זָאגְט מֶען עֶס אוֹיף דִי וֶועג וִוי אַזוֹי עֶס שַׁיינְט אִין חוֹדֶשׁ אָב "דֶעם שֵׁם הַוַיָ"ה". פַארְוָואס פוּנְקְט אוֹיף דֶעם וֶועג?

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ס"ג:) אַז פוּן דֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן פָּסוּק, הַ'סְכֵּת וּ'שְׁמַע יִ'שְׂרָאֵל הַ'יוֹם הַזֶּה נִהְיֵיתָ לְעָם לַה' אֱלֹקֶיךָ, לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס פִיר זַאכְן, אוּן דִי פִיר זַאכְן זֶענֶען דִי יְסוֹדוֹת וִוי אַזוֹי אַ אִיד קֶען זִיךְ גְרִינְגֶערְהֵייט צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר אִיז עֶס טַאקֶע פַּאסִיג פַאר יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ אָב וֶוען יֶעדֶער ווִיל צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן זַיין אֵייגֶענֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן אוֹיךְ אִיז עֶס וִויכְטִיג פַאר יֶעדְן אִיד אִין יֶעדְן מַצָּב, אוּן דֶערְפַאר אִיז מֶען צוּגֶעוואוֹינְט צוּ זָאגְן דֶעם שֵׁם אוֹיף דֶעם וֶועג.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק, "הַיּוֹם הַזֶּה", אַז יֶעדְן טָאג דַארְף אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְטְן אַז הַיינְט הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל. אַ אִיד טָאר נִישְׁט קוּקְן וִוי אַזוֹי עֶר הָאט אוֹיסְגֶעזֶען נֶעכְטְן, אָדֶער וָואס עֶר וֶועט טוּן מָארְגְן, נָאר פְּרוּבִּירְן אַרַיינְכַאפְּן "הַיינְט" וָואס אוּן וִויפִיל עֶר קֶען. דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ לֶערְנֶען חֲזַ"ל פוּן דֶעם פָּסוּק, "עֲשׂוּ כִּתּוֹת וְעִסְקוּ בַּתּוֹרָה" - יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַנְדֶערְשׁ, נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען אַ צְוֵוייטֶער קֶען בֶּעסֶער לֶערְנֶען, נָאר פְּרוּבִּירְן וִויפִיל מְ'קֶען אַלֵיין. נָאךְ טַייטְשְׁן חֲזַ"ל דֶעם פָּסוּק "אֵין דִּבְרֵי תוֹרָה מִתְקַיְּמִין אֶלָּא בְּמִי שֶׁמֵּמִית עַצְמוֹ עָלֶיהָ" - דִי תּוֹרָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט וֶוען עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער, וֶוען עֶר אִיז גֶעדְרוּקְט, דָאס הַאלְט זִיךְ בַּיים מֶענְטְשׁ, אוּן דֶערְפַאר דַוְקָא דֶעמָאלְט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט צָרוֹת אִיז זַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה צוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה. אוּן דִי פֶערְטֶע זַאךְ אִיז "הַס וְאַחַר כַּךְ כַּתֵּת, לְעוֹלָם יִלְמַד אָדָם תּוֹרָה וְאַחַר כַּךְ יֶהְגֶּה" - אַ מֶענְטְשׁ דַארְף קוֹדֶם זָאגְן אַסַאךְ תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט אַסַאךְ תּוֹרָה, וֶועט זִיךְ זַיין מֹחַ צוּם סוֹף עֶפֶענֶען, אוּן עֶר וֶועט פַארְשְׁטֵיין

<<<<<<

# פְּרֵיילִיךְ אוּן גוּטְמוּטִיג

חֲזַ"ל זָאגְן (בְּמִדְבַּר רַבָּה, פַּרְשָׁה י', סִימָן ו') "פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבֶּעטְן פוּן דִי אִידְן אַז זֵיי זָאלְן אִים גֶעבְּן דִי אוֹיגְן מִיט דִי הַארְץ? וַוייל אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ נָאר אִין דִי צְוֵויי, דִי אוֹיגְן זֶעעֶן דִי עֲבֵירוֹת, אוּן דֶערְנָאךְ טְרַאכְט דִי הַארְץ דֶערְפוּן". דֶער רֶבִּי זָאגְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ח) אוֹיף דֶעם וָואס חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן (יוֹמָא ס"ט:) אַז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבְּן גֶעכַאפְּט דֶעם יֵצֶר הָרַע פוּן דִי שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת, אוּן זֵיי הָאבְּן אִים בְּלִינְד גֶעמַאכְט דִי אוֹיגְן. זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער רֶבִּי אַז פוּן דֶעם נֶעמְט זִיךְ וָואס מֶען זֶעט אַז עֶס זֶענֶען דָא אֲפִילוּ עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס בֵּייגְן זִיךְ אַרָאפּ דִי אוֹיגְן אוּן ווִילְן נִישְׁט קוּקְן וָואס מְ'טָאר נִישְׁט, אָבֶער דֶערְנָאךְ גֶעבְּן זֵיי אַ גַנְבְ'עֶ אַרוֹיס פוּן דִי זַייט, אוּן גֶעבְּן אַ זַייטִיגֶע בְּלִיק. דָאס מֵיינְט אַז כָאטְשׁ וָואס מֶען הָאט טַאקֶע בְּלִינְד גֶעמַאכְט דֶעם יֵצֶר הָרַע, אוּן דֶערִיבֶּער פְּרוּבִּירְט מֶען זִיךְ אַיינְצוּהַאלְטְן פוּן קוּקְן, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט מֶען אָבֶער נִישְׁט גֶע'הַרְגְ'ט אִינְגַאנְצְן דֶעם יֵצֶר הָרַע, אוּן דֶערִיבֶּער גֶעבְּן זֵיי אַ זַייטִיגֶע בְּלִיק.

זֶעעֶן מִיר פוּן דֶעם וִוי וַוייט דֶער יֵצֶר הָרַע פַארְלֵייגְט זִיךְ אֲפִילוּ אוֹיף עֶרְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן דוּרְכְפַאלְן אוּן אַבִּיסְל קוּקְן אוֹיף וָואס מֶען טָאר נִישְׁט. דָאס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע יֵצֶר הָרַע, אוּן עֶס אִיז שְׁוֶוער זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּן אִים. וֶוען מֶען הָאט אָבֶער שֵׂכֶל אוּן מֶען פָאלְגְט דִי עֵצוֹת פוּן דִי צַדִּיקִים, קֶען מֶען יָא זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אַז וֶוען אַ אִיד אִיז פְרֵיילִיךְ, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין אָפְּהִיטְן פוּן פְּגַם הַבְּרִית (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קס"ט). דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אוּן גוּטְמוּטִיג, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין וֶועט אָפְּהִיטְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן עֲבֵירוֹת, אוּן וִוי קֶען נָאךְ זַיין אַ בֶּעסֶערֶע שְׁמִירָה פוּן דֶעם אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ.

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ? וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט זִיךְ אַזוֹי טְרוֹיעֶרִיג אוּן צֶעבְּרָאכְן, וָואס קֶען אִים פְרֵיילִיךְ מַאכְן? דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה!

חֲזַ"ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה, פַּרְשָׁה ל', סִימָן ב') "שׂוֹבַע שְׂמָחוֹת, שַׂבְּעֵנוּ בַּחֲמִשָּׁה שְׂמָחוֹת: מִקְרָא, מִשְׁנָה, תַּלְמוּד, תּוֹסֶפְתָּא וְאַגָּדוֹת", דִי תּוֹרָה מַאכְט פְרֵיילִיךְ אַ מֶענְטְשׁ. וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, בְּרֶענְגְט דָאס אַרַיין אִין אִים אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה אוּן צוּפְרִידְנְקֵייט, אוּן דָאס וֶועט אוֹיטָאמַאטִישׁ אַרוֹיסְטְרַייבְּן פוּן אִים אַלֶע סָארְט שְׁלֶעכְטְס.

(קוּנְטְרֵס רֵיינֶע אוֹיגְן)

>>>>>>

אוּן קֶענֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט.

קוּמְט אוֹיס אַז פוּן דֶעם פָּסוּק הַסְכֵּת וּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל הַיוֹם, וָואס פוּן דָא קוּמְט אַרוֹיס דֶער שֵׁם וָואס שַׁיינְט אִין דֶעם חוֹדֶשׁ אָב, פוּן דֶעם פָּסוּק קוּמְט אַרוֹיס אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חִיזוּק פַאר יֶעדְן אִיד, אַז מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנֵייעֶן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען, אוּן אֲפִילוּ וֶוען מֶען הָאט צָרוֹת אִיז אוֹיךְ נָאר דִי אֵיינְצִיגֶע עֵצָה צוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה.

דִי אַלֶע לִמּוּדִים אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ גֶעדֶענְקְן יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט שׁוֹין דֶער חוֹדֶשׁ אָב, וַוייל דוּרְךְ דִי תּוֹרָה בַּאקוּמְט אַ מֶענְטְשׁ שֵׂכֶל אוּן עֶר וֶוערְט צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִיט דֶעם פַארֶעכְט עֶר זַיין אֵייגֶענֶע חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ, עֶר בּוֹיעֶט אוֹיף אִין זַיין מֹחַ דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ, דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר בִּינְד צוּ זַיין מֹחַ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ דִי תּוֹרָה.

דֶערְפַאר אִיז אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אִידְן צוּ זָאגְן דֶעם שֵׁם אוֹיף דִי וֶועג "שֵׁם הַוַיָ"ה", וַוייל דִי חִיזוּק וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק קֶען צוּנִיץ קוּמֶען פַאר יֶעדְן אִיד שְׁטֶענְדִיג.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּנוּצְן דִי טֶעג וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ עֶרֶךְ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם-אָב)

>>>>>>

קשיות, דארט פארשטייט מען שוין אלעס. [דעם בריוו קען מען ליינען אינעם גליון].

דער חלום האט געהאט א שטארקער אפקלאנג, פילע אידן האבן גענומען חיזוק פון דעם פאר זייער לעבן, פאר זייערע מצבים, צו וויסן און געדענקען אלעמאל אז אלעס האט א פונקטליכער חשבון פונעם אייבערשטן, אלעס פירט דער אייבערשטן צום גוטן, כאטש וואס פאר אונזערע אויגן זעט עס נישט אלץ אויס אזוי.

**הציץ עליו בעל הבירה ואמר אני בעל הבירה!**

***

## בין המצרים אויף קול ברסלב

שטייענדיג אין די טעג בין המצרים, האט די באקאנטע "קול ברסלב" טעלעפאן ליין צוגעלייגט א גאר נוצבארע קנעפל, מיט ווארימע און הערליכע ניגונים, געזינגען אן מוזיק, ספעציעל פאר די טעג פון בין המצרים.

די אפטיילונג אנטהאלט הערליכע ניגונים פאר בין המצרים, געזינגען דורכן ראש ישיבה שליט"א, וואס טוט אנווארעמען דאס הארץ זיך צוריק צו קערן צום באשעפער און דערמיט אויפבויען דעם אייגענעם בית המקדש וואס ליגט ביי יעדן איד אין הארץ, ווי דער הייליגער רבי זאגט אז ווען מען קלאגט אויפן חורב'ן בית המקדש, וויינט מען אויפ'ן די אייגענע חורבן בית המקדש, יעצט אין דריי וואכן קלאגט מען דערויף אז "ביי מיר אין מח איז נישטא קיין השראת השכינה, איך פארגעס פונעם אייבערשטן".

צו הערן דעם אלבום אויף קול ברסלב, דרוקט 1 פאר אידיש, 5 פאר היכל נגינה, און דאן 6 פאר ניגונים לימי הספירה. די ניגונים זענען אויך זייער געאייגנט איינשלעפן די קינדער ביינאכט, און אין איינוועגס זיי אויפוועקן צום אייבערשטן.

אויך קען מען הערן שיעורים פון תשעה באב, ווי אויך מגילת איכה און ספר ירמיהו, פארגעלערנט דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א, ביי די אפטיילונג פון "עניני דיומא"; דרוקט 1 פאר אידיש, דאן נאכאמאל 1, און דערנאך 9 און 9.

**כל רודפיה השיגה בין המצרים!**



## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# וִוי אַזוֹי שְׁפִּירְט מֶען דֶעם גֶעשְׁמַאק פוּן זַיין אַ אִיד?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

דִי שִׁיעוּרִים מַאכְן מִיר לִיכְטִיג מַיין לֶעבְּן, אִיךְ בִּין בָּרוּךְ ה' מַמְשִׁיךְ זִיךְ מְחַזֵק צוּ זַיין מִיטְן רֶבִּינ'ס עֵצוֹת.

עֶס קוּמְט מִיר צוּמָאל אַרַיין אַ קִנְאָה צוּ דִי פְרֵייעֶ וָואס זֶענֶען וַוייט פוּן אִידִישְׁקֵייט, וִוי אַזוֹי זֵיי זֶענֶען גָארְנִישְׁט מְחוּיָב צוּ טוּן, אוּן אַלֶעס אִיז גוּט; אוּן אִיךְ, נָאר וַוייל אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן אִין אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב, מוּז אִיךְ הַאלְטְן אַלֶע מִצְווֹת פוּן תּוֹרָה, אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט אַזוֹי דֶעם "אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ". וָואס טוּט מֶען מִיט דִי סָארְט גֶעפִילְן?

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וֶועגְן מַיין מְלוּמְדוֹת, פוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דִי בְּרִיוו וִוי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער אִין קְלַאס, אוּן אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן פְּרוּבִּירְן עֶס מְקַיֵים צוּ זַיין, אִיז דֶער מַצָב גֶעוָוארְן פִיל בֶּעסֶער, פוּן דֶעסְט וֶועגְן דַארְף אִיךְ אָבֶער נָאךְ אַסַאךְ חִיזוּק לִיבּ צוּ הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים, הָאבְּן סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד צוּ זַיין, סְפֶּעצִיעֶל אַז בַּאלְד הוֹיבְּט מֶען שׁוֹין דֶעם נֵייעֶם זְמַן, אוּן אִיךְ וִויל אָנְהוֹיבְּן מִיטְ'ן רֶעכְטְן פוּס.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ"א תַּמוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס דָא גֵייט פָאר; וִוי קֶענְסְטוּ זַיין אַ מְלַמֵד פַאר קִינְדֶער וֶוען דוּ אַלֵיינְס דַארְפְסְט צוּרִיקְגֵיין אִין חֵדֶר לֶערְנֶען וָואס אִיז אַ אִיד, וָואס אִיז תּוֹרָה, וָואס אִיז מִצְווֹת; וִוי קֶען מֶען זַיין אַ מְלַמֵד וֶוען מֶען וֵוייסְט נִישְׁט דָאס זִיסְקֵייט פוּן זַיין אַ אִיד, דָאס זִיסְקֵייט פוּן טוּן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?!

**וֶוען מֶען זֶעט אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען נֶעבֶּעךְ וַוייט פוּן אִידִישְׁקֵייט, וָואס אִיז שַׁיָיךְ מְקַנֵא צוּ זַיין? אַז זֵייעֶרֶע רַמַ"ח אֵבָרִים אוּן שְׁסָ"ה גִידִים זֶענֶען צֶעבְּרָאכְן? וָואס אִיז דָא קִנְאָה אַז זֵיי זֶענֶען וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? זֵיי טוּעֶן וָואס זֵיי ווִילְן?!**

אַז דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵד, דוּ בִּיסְט צוּגֶעוואוֹינְט זִיךְ אַרָאפְּצוּלָאזְן צוּ דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי גוּט פַארְשְׁטֵיין גֶעבְּן, **וֶועל אִיךְ דִיר עֶנְטְפֶערְן דִי פְרַאגֶע אַזוֹי וִוי מֶען עֶנְטְפֶערְט פַאר קִינְדֶער, אַ גוּטֶער מְלַמֵד לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ צוּ דִי קִינְדֶער, עֶר עֶנְטְפֶערְט זֵייעֶרֶע שְׁאֵלוֹת שֵׁיין, קְלָאר אוּן גֶעלַאסְן.**

וַיְהִי הַיוֹם, דֶער מְלַמֵד קוּמְט אַרַיין אִין כִּתָּה אוּן זָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים: "אִיךְ צֵייל בִּיז דְרֵיי, אִיךְ ווִיל זֶען ווִי אַלֶע קִינְדֶער קוּמֶען דָא אַהֶער, אֵיינְס, צְוֵויי, דְרֵיי!" אַלֶע קִינְדֶער קוּמֶען צוּ לוֹיפְן, אַלֶע ווִילְן אַרַיינְגֵיין אִין דִי גוֹרָל, אַלֶע ווִילְן בַּאקוּמֶען דִי פְּרָסִים, בַּיי דְרֵיי שְׁטֵייעֶן זֵיי שׁוֹין גְרֵייט, אָבֶער אֵיין קִינְד קוּמְט נִישְׁט, נֶעבֶּעךְ, עֶר קֶען נִישְׁט גֵיין, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פִּיס, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע מַחֲלָה, מֶען הָאט אִים לֹא עָלֵינוּ אַרָאפְּגֶענוּמֶען דִי פִּיס; עֶר זִיצְט אִין דִי זַייט אִין אַ וֶועגֶעלֶע, עֶר אִיז אַנְדֶערְשׁ פוּן אַלֶע קִינְדֶער. מִיט אִים פִּירְט זִיךְ דֶער מְלַמֵד גָאר אַנְדֶערְשׁ, עֶר גֵייט אַרַיין אִין דִי גוֹרָל אֲפִילוּ עֶר קוּמְט נִישְׁט, וֶוען אַלֶע קִינְדֶער דַארְפְן רוֹימֶען דִי כִּתָּה בְּלַייבְּט עֶר אוֹיף זַיין פְּלַאץ, עֶר דַארְף נִישְׁט רוֹימֶען, עֶר וֶוערְט בַּאלוֹינְט אֲפִילוּ עֶר הֶעלְפְט נִישְׁט רֵיינִיגְן; עֶר קֶען נֶעבֶּעךְ נִישְׁט הֶעלְפְן, עֶר אִיז אַ קַאלִיקֶער לֹא עָלֵינוּ.

דֶער מְלַמֵד פְרֶעגְט: "קִינְדֶער, אִיר זֶענְט מְקַנֵא דֶעם קִינְד?" אַלֶע קִינְדֶער זָאגְן אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מְקַנֵא דֶעם קִינְד. דֶער מְלַמֵד פְרֶעגְט וַוייטֶער: **"אִיךְ ווִיל אַייךְ פְרֶעגְן, פַארְוָואס זֶענְט אִיר נִישְׁט מְקַנֵא דֶעם קִינְד?! עֶר דַארְף נִישְׁט פָאלְגְן אוּן עֶר גֵייט אַלְץ אַרַיין אִינֶעם גוֹרָל אֲפִילוּ עֶר אִיז נִישְׁט אִין צַייט, אֲפִילוּ עֶר הֶעלְפְט נִישְׁט רוֹימֶען, פַארְוָואס זֶענְט אִיר אִים נִישְׁט מְקַנֵא?!** קִינְדֶער, אִיר וֵוייסְט אַז דִי שְׁטָאט צָאלְט גֶעלְט פַאר דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן, זֵיי דַארְפְן נִישְׁט אַרְבֶּעטְן, זֵיי בַּאקוּמֶען אַלֶעס אוּמְזִיסְט, אִיר זֶענְט זֵיי נָאכְאַלְץ נִישְׁט מְקַנֵא? דִי מֶענְטְשְׁן קֶענֶען שְׁטֶעלְן זֵייעֶר קַאר אִין פְּלֶעצֶער וואוּ אַנְדֶערֶע קֶענֶען נִישְׁט, זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ בֶּענֶעפִיטְן, אִיר זֶענְט נָאךְ אַלְץ נִישְׁט מְקַנֵא?!"

דִי קִינְדֶער פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט דִי קַשְׁיָא, וָואס אִיז שַׁיָיךְ צוּ מְקַנֵא זַיין אַ מֶענְטְשׁ אָן פִּיס? וָואס אִיז שַׁיָיךְ צוּ מְקַנֵא זַיין אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט? וֶוער אִיז אִינְטֶערֶעסִירְט אִין גֶעלְט אָדֶער אִין קֶענֶען שְׁטֶעלְן אַ קַאר דָא אוּן דָארְט, וֶוער דַארְף דָאס?! דִי קִינְדֶער שְׁרֵייעֶן אוֹיס: "יְיַשֵׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר זֶענֶען גֶעזוּנְט!" זֵיי שְׁרֵייעֶן אוֹיס אַ תְּפִילָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף אַלֶע קְרַאנְקֶע! אַלֶע זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט בִּרְמַ"ח אֵבָרִים וּשְׁסָ"ה גִידִים!"** דִי קִינְדֶער קוּקְן אוֹיפְ'ן קִינְד מִיט רַחֲמָנוּת, זֵיי הַאלְטְן זִיךְ אַיין פוּן וֵויינֶען פַאר זֵיי, אֵיין קִינְד קֶען נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן זַיינֶע טְרֶערְן, עֶר גֵייט אִין דִי זַייט אוּן פְּלַאצְט אוֹיס אִין אַ גֶעוֵויין פַאר זַיין חָבֵר וָואס הָאט נִישְׁט קַיין פִּיס; אַ צְוֵוייטֶער קִינְד שְׁטִיקְט זִיךְ מִיט טְרֶערְן.

וֶוען מֶען זֶעט אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען וַוייט פוּן דֶרֶךְ הַתּוֹרָה, אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע רַחֲמָנוּת אוֹיף דִי וֶועלְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ז): "כִּי עִקַר הָרַחֲמָנוּת הוּא כְּשֶׁיִשְׂרָאֵל עַם קָדוֹשׁ נוֹפְלִין, חַס וְשָׁלוֹם, בַּעֲוֹנוֹת, רַחֲמָנָא לִצְלָן", דֶער עִיקַר רַחֲמָנוּת אִיז וֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאלְן אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, "כִּי זֶהוּ הָרַחֲמָנוּת הַגָּדוֹל מִכָּל מִינֵי רַחֲמָנוּת", דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער רַחֲמָנוּת אוֹיף דִי וֶועלְט; דִי אַלֶע

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>
אִידְן וָואס מֶען הָאט פוּן זֵיי אוֹיסְגֶעריסְן דִּי אֱמוּנָה, שׁוֹין אַפָּאר דוֹרוֹת וָואס זֵיי זֶענֶען וַוייט פוּן דִּי תּוֹרָה – דָאס אִיז נִישְׁט אַ גוּטֶע זַאךְ, דָאס אִיז דִּי גְרֶעסְטֶע רַחֲמָנוּת.

מְלַמְּדִים דַארְפְן אַרַיינְלֵייגְן אִין דִּי קִינְדֶער אַז תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ; וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה, וֶוער עֶס גֵייט בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה – דֶער הָאט אַ לֶעבְּן, נָאר דָאס אִיז לֶעבְּן; טוּן דִּי וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז נִישְׁט קַיין קְנַס, טוּן דִּי וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז נִישְׁט אַן אָפְּקוּמֶענִישׁ; דָאס אִיז גוּט, דָאס אִיז דִּי בֶּעסְטֶע זַאךְ אוֹיף דִּי וֶועלְט.

אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן מִצְוֹת; מִיר קֶענֶען נִישְׁט עֶסְן אַלֶעס, מִיר קֶענֶען נִישְׁט טוּן אַלֶעס, וַוייל מִיר זֶענֶען אַזוֹי וִוי דֶער קְרַאנְקֶער מֶענְטְשׁ וָואס דֶער דָאקְטֶער זֶעט נָאךְ אִין אִים אַ הָאפֶענוּנְג. אַזוֹי וִוי דִּי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּנְחוּמָא שְׁמִינִי, ו) אַ דָאקְטֶער אִיז גֶעקוּמֶען הֵיילְן צְוֵויי קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן, דֶער דָאקְטֶער הָאט גֶעזֶען דֶעם עֶרְשְׁטְן חוֹלֶה אַז עֶר אִיז אִין אַ סַכָּנָה, הָאט דֶער דָאקְטֶער גֶעזָאגְט: "תְּנוּ לוֹ כָּל מַאֲכָל שֶׁהוּא מְבַקֵּשׁ", גֶעבְּט אִים צוּ עֶסְן אַלֶעס וָואס עֶר בֶּעט, "רָאָה הָאֶחָד שֶׁעָתִיד לִחְיוֹת", דֶער דָאקְטֶער הָאט גֶעזֶען דֶער צְוֵוייטֶער קְרַאנְקֶער אַז עֶר קֶען נָאךְ לֶעבְּן, הָאט דֶער דָאקְטֶער גֶעזָאגְט: "כָּךְ וְכָךְ מַאֲכָל יֹאכַל וְכָךְ וְכָךְ לֹא יֹאכַל", גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף אִים, גֶעבְּט אִים נִישְׁט דִּי אוּן דִּי עֶסְן, נָאר פוּן דִּי עֶסְן מֶעג עֶר הָאבְּן, הָאט מֶען גֶעפְרֶעגְט דֶעם דָאקְטֶער: "מַה זֶּה, לָזֶה אַתָּה אוֹמֵר יֹאכַל כָּל מַאֲכָל שֶׁהוּא מְבַקֵּשׁ, וְלָאַחֵר אָמַרְתָּ לֹא יֹאכַל כָּךְ וְכָךְ", וָואס אִיז דָאס? אֵיינֶעם זָאגְסְטוּ עֶר קֶען עֶסְן אַלֶע עֶסְן אוּן דֶער צְוֵוייטֶער מֶעג נָאר עֶסְן דָאס אוּן דָאס?! הָאט דֶער דָאקְטֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט, דֶער וֶועט בְּלַייבְּן לֶעבְּן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִים, וִוידֶער דֶער עֶרְשְׁטֶער גֵייט סַיי וִוי שְׁטַארְבְּן, זָאל עֶר עֶסְן וָואס עֶר ווִיל, עֶר קֶען דָאךְ סַיי וִוי נִישְׁט לֶעבְּן, "כָּךְ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא הִתִּיר לַגּוֹיִם הַשְּׁקָצִים וְהָרְמָשִׂים", אַזוֹי אוֹיךְ הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט, פַאר דִּי אוּמוֹת הָעוֹלָם הָאבּ אִיךְ מַתִּיר גֶעוֶוען זֵיי זָאלְן עֶסְן דִּי אַלֶע וֶוערִים אוּן קְרִיכֶעדִיגֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן, "אֲבָל יִשְׂרָאֵל שֶׁהֵם לְחַיִּים", אָבֶּער דִּי אִידְן וָואס זֵיי בְּלַייבְּן לֶעבְּן, זֵיי זָאג אִיךְ: "וִהְיִיתֶם קְדֹשִׁים כִּי קָדוֹשׁ אָנִי, אַל תְּשַׁקְּצוּ אֶת נַפְשׁוֹתֵיכֶם, אֶת זֶה תֹּאכְלוּ, וְאֶת זֶה לֹא תֹאכֵלוּ, לֹא תִטַּמְּאוּ בָּהֶם וְנִטְמֵתֶם בָּם", זֵיי זָאלְן נִישְׁט עֶסְן דִּי אַלֶע נִישְׁט כָּשֵׁר'עֶ זַאכְן, "לָמָּה", פַארְוָואס? "שֶׁהֵם לְחַיִּים, שֶׁנֶּאֱמַר: וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּה' אֱלֹקֵיכֶם חַיִּים כֻּלְּכֶם הַיּוֹם".

לֵייג אַרַיין אִין דִּי קִינְדֶער אֱמוּנָה; לֶערְן זֵיי אוֹיס זֵיי זָאלְן גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת, זֵיי זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל וִוי מֶער מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן – אַלְץ מֶער הֵייבְּט מֶען אָן שְׁפִּירְן דָאס זִיסְקֵייט פוּן זַיין אַ אִיד. לֶערְן זֵיי אוֹיס זֵיי זָאלְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט זֵייעֶר גוּט אוּן זִיס, מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן אַ טַעַם פוּן גַּן עֵדֶן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ב): "כִּי זֶה עִקַּר שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא, לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל לִשְׁמוֹ הַגָּדוֹל יִתְבָּרַךְ וּלְהַכִּיר אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ", דָאס אִיז דֶער תַּעֲנוּג פוּן עוֹלָם הַבָּא – צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים צוּ לוֹיבְּן, ווִיסְן אַז אַלֶעס אִיז עֶר אוּן עֶר אִיז אַלֶעס, "שֶׁעַל יְדֵי זֶה סְמוּכִים וּקְרוֹבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ", אַזוֹי אִיז מֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "כִּי כָּל מַה שֶּׁיּוֹדְעִין וּמַכִּירִין אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ בְּיוֹתֵר", וַוייל וִוי מֶער מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס אַלֶעס אִיז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין, "סְמוּכִים אֵלָיו בְּיוֹתֵר", אִיז מֶען נֶענְטֶער צוּ אִים.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ אִין דַיין וֶועג, עֶר זָאל דִּיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן גָאר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִין אִים, דוּ זָאלְסְט שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִּי תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ צוּקוּמֶען אַז דוּ וֶועסְט שׁוֹין נִישְׁט וֶועלְן קַיין שָׂכָר, דוּ וֶועסְט וֶועלְן וָואס דִּי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אָבוֹת ד, ב): "שְׂכַר מִצְוָה, מִצְוָה", אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ה) וֶוען מֶען טוּט מִצְוֹת מִיט שִׂמְחָה, מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִּי מִצְוָה אַלֵיינְס: "עַד שֶׁאֵין רוֹצֶה בְּשׁוּם שְׂכַר עוֹלָם הַבָּא", בִּיז מֶען דַארְף שׁוֹין נִישְׁט קַיין שׁוּם שָׂכָר, "אֶלָּא הוּא רוֹצֶה שֶׁיְּזַמִּין לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִצְוָה אַחֶרֶת בִּשְׂכַר מִצְוָה זֹאת", נָאר דִּי גְרֶעסְטֶע שָׂכָר אִיז אַז עֶר זָאל קֶענֶען טוּן נָאךְ מִצְוֹת, עֶר וַוארְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים גֶעבְּן נָאךְ מִצְוֹת, "כִּי הוּא נֶהֱנֶה מֵהַמִּצְוָה בְּעַצְמָהּ", עֶר הָאט הֲנָאָה פוּן דִּי מִצְוָה אַלֵיינְס; דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת אוּן תְּפִלָּה קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ דֶעם, מֶען זָאל הֲנָאָה הָאבְּן פוּן זַיין אַ אִיד, מֶען זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן אַזוֹי גְלִיקְלִיךְ מִיט תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת; עֶס זָאל אָנְגֵיין פַארְוָואס אַנְדֶערֶע הָאבְּן דָאס נִישְׁט, בִּיז מֶען וֶועט גֵיין הֲפָצָה, זֵיי אוֹיךְ גֶעבְּן צוּ שְׁפִּירְן פוּן דֶעם טַעַם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט דַיינֶע תַּלְמִידִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פִּנְחָס תשפ"א)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## איינער פון די קדושי מירון אין חלום: "עס איז מיר זייער גוט דא"

מיר שטייען היינט אין זייער א שווערע צייט, דער הסתר פנים איז שרעקליך גרויס. אידן זענען זייער פארווייטאגט, עס האבן פאסירט ביי אידישע קינדער פארשידענע שרעקליכע טראגעדיעס, איינס שווערער פון צווייטן. מענטשן דרייען זיך ארום אן א קאפ, מענטשן פרעגן "וואס גייט דא פאר?", מען איז זיך מחזק איינער דעם צווייטן מיט די ווערטער וואס מוהרא"ש פלעגט אלץ זאגן: "למה, יאמרו הגוים", א גוי פרעגט 'פארוואס?', אבער "אשרי העם שככה לו", וואויל איז פאר די אידישע קינדער וואס פרעגן נישט קיין קשיות אויפ'ן אייבערשטן, זיי גלייבן אז פונקט אזוי דארף צו זיין. דער הייליגער רבי טייטשט דעם פסוק "ומשה נגש אל הערפל אשר שם האלקים", אז דארט אינעם נעפל, אינעם הסתר פנים, קען דער ערליכער איד טרעפן דעם אייבערשטן.

לעצטנס איז ביי א פרוי פון אנשי שלומינו געקומען אין חלום איר ברודער ע"ה וואס איז ארויפגערופן געווארן בשמי מעל צווישן די 45 קדושים וטהורים ביים ציון פון התנא האלוקי רבי שמעון אינעם גרויסן טאג ל"ג בעומר, זי האט געזען אין חלום ווי איר ברודער קומט צו זיי אין די סוכה, זי זעט אים ווי ער רוימט אויף די סוכה און נעמט צוזאם די מיסט, זי האט אים געפרעגט: "הערשל, וואס טוסטו דא?" האט ער געענטפערט: "איך בין געקומען אביסל ארויסהעלפן", דערנאך האט ער זיך אראפגעזעצט ביים טיש, זי האט זיך צוגעזעצט צום טיש נעבן אים און אים געפרעגט מיט ווייטאג: "הערשל, וואס גייט דא פאר? וואס האט דא פאסירט? דו ווייסט ווי שווער עס איז אונז! דו ווייסט ווי שווער עס איז פאר דיין ווייב, פאר דיינע קינדער, פאר טאטי און מאמי, פאר די גאנצע משפחה! וואס איז דא געשען?", האט ער איר געענטפערט מיט א שטראלנדע פנים: "זאלסט וויסן, אז עס איז מיר זייער גוט דא אין הימל, דא איז נישטא קיין שום קשיות, דא שטימט אלעס. פונקט אזוי האט געדארפט זיין". ביז דא איז דער האר אויפשטעלנדע חלום.

איר מאן האט דערציילט דעם פאר'ן ראש ישיבה שליט"א, און געפרעגט צי דער חלום האט א האפט, מען זאגט דאך אז חלומות זענען געווענליך נארישקייטן. דער ראש ישיבה שליט"א האט געענטפערט אין א בריוו אז דער חלום איז אן אמת'ע חלום, און נישט נאר דאס, נאר מען דארף זען צו מפרסם זיין די מעשה פאר מענטשן, מען זאל נעמען דערפון חיזוק אין אמונה אינעם אייבערשטן, און אלץ געדענקען אז אין הימל איז נישטא קיין

<<<<<<


## אומאן ראש השנה!

אלע אייערע געברויכן פאר אומאן

עירליין טיקעטס; טרעוול אינשורענס; און נאך

> בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס <

אייער פריינד

אלי קנאלל

718-506-4341

Plan it Rite

Travel the right way



## עצתו אמונה אויף פאָסט



סובסקרייבט אייך צו באקומען די "עצתו אמונה" יעדע וואך אויף די פאסט

פאר די ביליגע פרייז פון בלויז $2.99 א וואך

זייט אויך פון די גליקליכע וואס זענען זיך מחיה יעדע וואך מיט די פילע עצות און חיזוק אין לעבן

718-387-2691 #3

subscribe@kerenhadfusa.org



## איך בין גוט

קוק נישט אויף יענעם, קוקט נישט וואס יענער איז מער מצליח. מיט א שטארקע אמונה וועסטו וויסן אז "איך בין גוט!"

קול ברסלב

212-444-9191

1, 2, 1, 7, 1, 58



## חיזוק צום טיר

איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידו"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

347-509-4908

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים



קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל breslevcenter@gmail.com



קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876